# להתעדן באהבתך

# וביראתך

חידושים נאים יקרים, ופירושים נאים, ציצים ופרחים,
ע"ד חסידות נאמרים, מתוקים מדבש ומנופת צופים.

# על יום כפור

**יוצא לאור ע"י כתה גבוה**
**בתלמוד תורה "תורה ויראה" דרב"י דסאטמאר**
**לאנדאן יצ"ו**

ימים הנוראים
תשע"ב לפ"ק

# תורת אמת

**א טעם פארוואס מען איז זיך מתוודה בלשון רבים?**

עס שטייט חטאנו הרשענו האט ער זיך אריינגערעכנט אינעם כלל ווייל אלע אידן זענען עדים איינער פארן אנדערן וועגן דעם דארף מען זאגן בלשון רבים צו בעטן סלח לנו אבינו כי חטאנו און ווען מען איז זיך מתוודה זאגט מען ועל חטאים שאנו חייבים עליהם סקילה שריפה הרג חנק אפילו ער ווייסט אז ער האט נישט געטוהן דעם עבירה און ער איז נישט חייב נאך אלץ דארף ער זיך מתוודה זיין ווייל אלע אידן זענען ערבים איינער צום אנדערן און אויך אז דער וואס איז יא חייב זאל זיך נישט שעמען צו מתוודה זיין.

**ספר חסידים**

(יואל מאיר הכהן מאטיאש)

**והסר שטן מלפנינו ומאחרינו**

ווען עס קומט צו גיין די יו"ט פורים קומט די שטן מיט א קטרוג אויף די אידן אז זיי טרינקען און לאזן זיך וואויל גיין אויף דעם בעטן מיר השי"ת והסר שטן מלפנינו דורך דעם פריעדיגן טאג פון פורים וואס דאס איז תענית אסתר וואס אידן טוהן פאסטן די גאנצע טאג און זענען מתפלל און געבן צדקה און ווען עס קומט ערב יום כיפור קומט די שטן ווידער מיט א טענה פארוואס אידן האלטן אין איין עסן אויף דעם ענטפערן מיר ומאחרינו אויף דעם טאג פון נאכדעם וואס דאס איז יום כיפור ווי אידן טוהן פאסטן און פייניגן זיך מיט עינוים און טוט תשובה און תפלה די גאנצע טאג.

**הרה"ק ר' לוי יצחק מבארדיטשוב**

(נפתלי ענגלענדער)

**מתתיהו בן שמואל אומר האיר כל פני המזבח עד שבחברון והוא אומר הן**

די ברטנורה זאגט אז כדי מזכיר זיין זכות אבות איז ער מזכיר חברון ס'מיינט אז ער וויל מעלה זיין די מלכות פון זכות אבות וועגן דעם זאגט ער "הן" וואס ס'איז גימטריא כל"ה (55) וואס ס'איז א לשון פון מלכות.

**עבודת ישראל**

(יחזקאל הלוי וואזנער)

**בגדים לבנים פארוואס טוט מען אן ווייסע קליידער**

1) ווייל ס'איז דומה צו מלאכים וואס האבן ווייסע קליידער (לבוש)

2) ווייל ס'איז דומה צו בגדי מת ל"ע און ס'איז מעורר תשובה (לבוש)

3) ווייל ס'שטייט חטאיכם כשלג ילבינו (פרי חדש)

(יחזקאל הלוי וואזנער)

**ועניתם את נפשותיכם**

ועניתם איז פון לשון טענה מ'דארף טענה'ען פאר זיך את נפשותיכם אז מיר האבן נישט די הויכע נשמות וואס מ'האט אמאל געהאט. דעריבער זעהן מיר אויס שוואכער פון די אמאליגע.

**הרה"ק מרוזשין זצ"ל**

(יואל מאיר הכהן מאטיאש, משה בראַ"ם לאנגבערג)

**מערב עד ערב תשבתו שבתכם**

די סגולה פון יוכ"פ איז צו דערנענטערן ביאת המשיח. דאס זאגט דער פסוק תשבתו שבתכם

דורך יוהכ"פ וועט איר פראווען דעם טאג וואס ווערט אנגערופן יום שכולו שבת.

**ישמח משה**

(יואל מאיר הכהן מאטיאש)

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו**

לכאורה זעהן אויס די ווערטער לפני ה' איבעריג נאר מען קען זאגן לויט ווי עס שטייט אין גמרא, "הבא לטהר מסייען אותו" און עס ווערט געברענגט אין מדרש אז דער אויבערשטער זאגט ענק זאלן עפענען א טיר אזוי ווי דער לאך פון א נאדל און איך וועל ענק עפענען אזוי ווי די טיר פון א זאל דאס זאגט דער פסוק "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם וגו" דער אויבערשטער וועט אונז מסייע זיין בשובה אבער דאס איז נאר מיט א תנאי אז "לפני ה' תטהרו" אז ענק דארפן אנהייבן ווייטער וועל איך שוין טוהן.

**חשב סופר**

**חקת עולם לדורותיכם**

פארוואס ווען די תורה זאגט אז מ'זאל נישט טוהן א מלאכה שטייט יא חוקת עולם לדורותיכם און ווען די תורה זאגט אז מ'דארף פאסטן שטייט נישט חוקת עולם נאר ביי די חנוכת הבית פון די בהמ"ק איז געווען דערמאלטס יו"כ און שלמה המלך האט דערמאלטס מתיר געווען צו עסן אבער נישט צו טוהן א מלאכה יעצט פארשטייט מען שוין פארוואס ביי פאסטן שטייט נישט חוקת עולם ווייל עס איז געווען איינמאל וואס מ'האט יא געמעגט עסן.

**משך חכמה**

(משהברא"ם לאנגבערג)

**כי כל הנפש אשר לא תענה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה**

א איד וואס פילט נישט אינעם הייליגע טאג קיין פיינליכקייט אדער חרטה און הרהור תשובה אין הארצן איז עס א באוויז אז "ונכרתה מעמיה" אז זיין נשמה איז שוין לגמרי אפגעריסן פון אידן.

**לב שמח**

**וכל מלאכה וגו' כי יום כיפורים**

די תורה זאגט אז מען זאל נישט טוהן קיין שום מלאכה ווייל דעם טאג איז א טאג וואס ענקער עבירות ווערן פארגעבן לכאורה וואס האט צו טוהן דאס אז מען טאר נישט טוהן א מלאכה מיט דעם אז דער אויבערשטער גייט פארגעבן די עבירות? נאר די גמרא זאגט אז בשעת די כהנים דוכענען זאל מען נישט זאגן קיין פסוקים ווייל עס איז נישט נארמאל אז איינער בענטשט איינעם און יענע הערט נישט צו. די זעלבע זאך דא עס איז נישט א נארמאלע זאך אז איינער זאגט פאר איינעם אז ער איז אים מוחל און דערווייל איז ער פארנומען מיט טוהן א מלאכה.

**אור החיים**

(משה ברא"ם לאנגבערג)

**נוצר חסד לאלפים נושא עון**

די וואס זענען שוין געשטארבן דארפן אויך האבן א כפרה טראץ דעם וואס נאכן שטארבן קען מען שוין מער נישט זינדיגן אויב אבער זייערע קינדער אדער אייניקלעך פירן זיך נישט אויף ריכטיג זענען זיי אויך שולדיג אין דעם ווייל זיי האבן נישט ריכטיג מחנך געווען זייערע קינדער דערפאר דארפן זיי השי"ת זאל זיי מוחל זיין נאכן שטארבן.

**חתם סופר**

(יואל מאיר הכהן מאטיאש)

**ונתן את הקטורת וגו' לפני ה' וגו' ולא ימות**

עס ווערט געברענגט אין זוהר הק' אז קטורת טוט מבטל זיין מיתה א יעדן טאג און בפרט יום הכיפורים דאס קען מען זאגן איז מרמז אין די פסוק ונתן הקטורת על האש לפני ה' און דורך די קטורת וועט זיין ולא ימות עס וועט נתבטל ווערן די גזירה מיתה פון כלל ישראל.

עס שטייט "חקת עולם לדורותיכם" "ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש בערב" וואס די פרשה זעהט לכאורה אויס ווי א סתירה, ווייל פון אנהייב שטייט "וכל מלאכה לא תעשו בעצם "היום" הזה, און ווייטער שטייט "ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש בערב" אז עס הויבט זיך שוין אן פון די נאכט אויך איז שווער די לשון פון אנהייב פרשה "אך בעשור לחודש השביעי הזה" מיר ווייסן אז דאס ווארט "אך" קומט ממעט זיין איז וואס קומט עס דא צו ממעט זיין. נאר רש"י זאגט אין גמרא תענית אז משה איז ארויף אין הימל נאך די מעשה העגל און ער איז געווען דארט פון י"ח תמוז ביז י' תשרי וואס דערמאלטס האט אים הקב"ה מוחל געווען אויף די עגל וואס וועגן דעם איז יו"כ באשטימט געווארן אלס יום סליחה וכפרה קומט אויס אז יענע יאר האט זיך אנגעהויבן יום כיפור בייטאג פון י' תשרי ווייל משה איז אראפגעקומען בייטאג און דערמאלטס באפוילן די דינים פון יו"כ. לויט דעם איז עס זייער פארשטענדליך די פסוקים פון אנהויב זאגט דער פסוק "אך בעשור לחודש השביעי הזה" און ווי דער פסוק זאגט ווייטער "וכל מלאכה לא תעשו בעצם הים הזה" אז נאר דאס יאר הייבט זיך יו"כ אן פון בייטאג אבער ווייטער אין דער פרשה ווי עס שטייט אין פסוק "חקת עולם לדורתיכם" דערמאלטס איז טאקע "ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש בערב" הייבט זיך אן יו"כ פון ביינאכט.

**חת"ם סופר**

(משהברא"ם לאנגבערג)

**בזאת יבוא אהרן** עס שטייט אז יו"כ איז דין ברצון וואס דאס איז בגמטריא ת"י אזוי ווי בזאת.

**דרשות חת"ם סופר**

**כי כל הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה**

עס שטייט פון אריז"ל אז דער וואס וויינט נישט אין די ימים נוראים איז דאס א סימן אז זיין נשמה איז נישט גוט. די ענין איז אזוי אין די טעג קומט אראפ א התעוררות פון הימל און יעדער אידיש קינד וואס זיין נשמה איז באהאפטן צום חלק העליון ווערט נתעורר ממילא א איד וואס וויינט נישט מיינט דאס אז זיין נשמה איז אפגעהאקט פונעם עץ חיים ר"ל. דאס מיינט די פסוק הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה, תעונה איז א לשון פון התעוררות אז איינער ווערט נישט נתעורר מיינט דאס אז ונכרתה זיין נשמה איז חלילה אפגעהאקט.

**דרשות חת"ם סופר**

(אלי' בערקעוויטש)

**האומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה**

צדיקים האבן געטייטשט האומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב אז איינער זאגט איך וועל זינדיגן און דערנאך וועל איך תשובה טוהן אין מספיקין איז אפילו נישט קיין ספק אז בידו לעשות תשובה אז ער קען תשובה טוהן.

פון רבי ר' יונתן אייבשיץ זאגט מען נאך האומר אחטא אז איינער זאגט אחטא איך וועל זינדיגן ואשוב אחטא און איך וועל נאכאמאל זינדיגן ואשוב אין און נאכדעם וועל איך נישט קענען תשובה טוהן מיט דעם אלעם מספיקין בידו לעשות תשובה קען ער נאך אלץ תשובה טוהן.

**דרשות חת"ם סופר**

(אלי' בערקעוויטש)

**אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים**

כל זמן א איד איז נאך נישט אנגעקומען צו די פופציגסטן שער הטומאה איז ער נאך בכוח אליין תשובה צו טוהן אבער אויב ער איז שוין אין די שער נ' דאן איז ער נישט בכוח אליין תשובה צו טוהן נאר דער אויבערשטער מיט זיינע גרויסע חסדים העלפט אים ארויסצוקומען פון דארטן און ברענגט אים צוריק צום אידישן וועג.

דאס זאגט דער משנה לפני מי אויב איינער האלט נאך פאר מ"י ואס איז בגמטריא פופציג, ער האלט נאך פארן פופציגסטן שער דערמאלסט אתם מטהרין קען דער איד מיט זיין אייגענע כוחות תשובה טוהן ומ"י אבער אויב ער איז שוין אין די פופציגסטן שער דאן מטהר אתכם אביכם שבשמים קען נאר דער אויבערשטער אליין אים ארויסנעמען פון דארט.

**דרשות חת"ם סופר**

(אלי בערקעוויטש)

# עצי תמרים

**השיבנו ה' אליך ונשובה חדש ימינו כקדם**

מ'דארף פארשטיין די דאפעלטע לשון השיבנו און ונשובה נאר מען קען ענטפערן אז מען בעט קודם השיבנו אז דער אויבערשטער זאל אונז געבן הרהורי תשובה און נאכדעם ונשובה וועלן אונז תשובה טוהן אינגאנצן.

**דברי יואל**

(יואל מאיר הכהן מאטיאש)

יום כיפור איז דא פינף עינוים – פייניגן וואס מען פייניגט זיך מען קען זאגן תירוצים אויף דעם,

1) אויף דעם וואס די אידן האבן פוגם געווען אין די חמשה חמשי תורה און עס נישט אפגעהיטן.

2) אז אויב מען דארף צוקומען צו די ד' מיתות בית דין סקילה, שריפה, הרג, וחנק און אויך כרת.

**ישמח משה**

(זאב וויינבערגער)

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו**

קען מען טייטשן דער רמב"ם זאגט אין הל' תשובה אז א מענטש דארף אזוי תשובה טוהן אז דער אויבערשטער זאל עדות זאגן אויף אים בשעת די תשובה אז ער האלט נישט ביים צוריק גיין צו די אלטע וועג, דאס זאגט דער פסוק, כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאותיכם ווען וועט איר ווערן ריין דורך תשובה

אויב "לפני ה'" אז דער אויבערשטער וועט עדות זאגן אז "תטהרו" אז איר זענט ריין.

**ייטב פנים**

(יואל מאיר הכהן מאטיאש)

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאותיכם וגו' תטהרו**

מען קען דאס מסביר זיין לויט ווי די אלשיך הק' שרייבט אויפן פסוק (שיר השירים) הראינו את מראיך השמיענו את קולך א תפלה פון מענטש ווערט נישט אנגענומען נאר אויב זיין צלם אלקים איז בשלימות אן קיין פגם.

לויט דעם קען מען פארשטיין די פסוק "כי ביום הזה יכפר" מען איז מכפר א מענטש זיינע עבירות ווען "עליכם" ווען די עליכם וואס דאס איז די צלם אלקים איז לטהר אתכם מכל חטאותיכם ווען די צלם אלקים איז ריין פון עבירות דערמאלטס לפני ה' תטהרו ווערט השי"ת מקבל זיין די תפילו און מען וועט האבן א כתיבה וחתימה טובה.

(משה בן ר' אהרן לאנגבערג)

# משל ומליצה

**הלל פתחת למוסרי**

מען קען עס מסביר זיין מיט א משל: א באוויסטע גנב האט אמאל צוגע'גנב'עט א הינדל פון איינעם און ער האט צוגעבינדן אירע פיס און אויסגעפליקט אסאך פעדערן אז זי זאל נישט לויפן צו אירע בעל הבית און זי זאל אויסזעהן אנדערש ווי פארדעם אז די בעל הבית זאל עס נישט דערקענען.

אזוי ווי די בעל הבית האט באמערקט אז איין הינדל פעלט האט ער גערופן דעם גנב צום משפט און גע'טענה'ט אז די הינדל וואס דער גנב האט איז זיינס.

האט די ריכטער געפרעגט פארוואס האסטו גע'גנב'עט זיין הינדל? האט דער גנב צוריק גע'טענה'ט אז דאס איז נישט זיין הינדל עס זעהט דאך אויס אינגאנצן אנדערש ווייל זיינע האבן געהאט אסאך פעדערן.

זאגט די בעל הבית "דו גנב וואס דו ביסט" דו האסט ארויסגעפליקט אירע פעדערן און דו האסט איר צוגעבונדען די פיס מיט שטריק עפן נאר אויף די שטריק פון איר פיס וועט מען שוין זעהן ווי די הינדל וועט מיך דערקענען און זי וועט לויפן צו מיר.

דאס איז דער נמשל: די שטן טענה'ט אז די אידישע קינדער זענען חס ושלום נישט ערליך און זיי זעהן נישט אויס ווי די אויבערשטער'ס קינדער זיי האבן נמשל ארויס געפליקט די פיאות און די הייליגע בארד. ענטפערט מען אים צוריק דו ביסט שולדיג דו האסט געמאכט אז זיי זאלן נישט אויסזעהן ווי די אויבערשטער'ס קינדער זיי זאלן נישט האבן קיין פיאות און בארד "פתחת למוסרי" עפן נאר אויף די שטריק פון זיי וואס דאס מיינט אז זיי זאלן נישט זיין אזוי ארום געבינדן מיט אזויפיל נסיונות און מיט אזויפיל צרות וועט מען שוין זעהן ווי אלע אידן וועלן לויפן ליב האבן דעם אויבערשטן וואס ער איז די בעל הבית פון די וועלט.

(משה בן ר' אהרן לאנגבערג)

# למען תספר

עס האט דערציילט א זקן אז ער איז געשטאנען פארן עמוד אין פרעשבורג וואס דארט האט געדאווענט די הייליגע חתם סופר זצוק"ל און ער האט אזוי געוויינט און עס איז געקומען אזויפיל טרערן אז ער האט נישט געקענט אריבער מישן די בלעטער ווייל עס איז געווען אזויפיל טרערן אין די בלעטער.

אמאל ערב יום כיפור אין די שטאט חברון האט געפעלט א איד און ס'נישט געווען קיין מנין און די אידן אין די שטאט חברון האבן געהאט גרויס צער דערפון און עס איז געשעהן א נס און אברהם אבינו איז אראפגעקומען און משלים געווען די מנין און געדאווענט מיט זיי אלע תפילת ביז נעילה און נאך נעילה איז ער פארשוואונדען געווארן.

**תפארת שלמה – לך לך**

אמאל האט הרה"ק מראפשיץ געזעהן ווי א מענטש קלאפט אויף זיין הארץ בשעת'ן זאגן תחנון האט דער ראפשיצער רב זיך אנגערופן צו אים "קלאפ נישט קלאפ נישט דער בעל הבית איז נישט דארט".

**אוצר ישראל**

איינער פון די גרויסע תלמידים פון די חתם סופר האט דערציילט אז ערב יום כיפור איז ער געווען ביי די הייליגע חתם סופר און די חתם סופר איז געזעצן און געלערנט מסכת יומא און דער חתם סופר האט געלערנט מיט אזא התרגשות אז ס'האט זיך ממש געדאכט פאר די צוהערער כאילו די כהן גדול אליין מאכט יעצט די עבודת יום הכיפורים.

**שבילי דוד עאהע"ז**

די הייליגע ייטב לב זצוק"ל האט דערציילט אזוי: איינמאל יום הקדוש ביינאכט ביים זיידן די ישמח משה האט די עולם צוזאמען געזאגט תהילים אינמיטן זאגן האט די זיידע די ישמח משה געגעבן א חלש אוועק, ער האט גע'חלש'ט.

שפעטער ווען מען האט אים דערמינטערט האט ער דערציילט אז די סיבה פארוואס ער האט גע'חלש'ט איז וועגן ווען א מנין אידן זאגן תהילים קומט דארטן דוד המלך און איך האב זוכה געווען צו זעהן דוד המלך און פון גרויס שרעק און פחד האב איך גע'חלש'ט.

(מרדכי יהודה לעוו)

איינמאל האט זיך די בעלזא רבי געדרייט אין צימער און א גאנצע צייט אריין געאטעמט ביזן סוף און צוריק ארויס געבלאזן אלע לופט, צוריק אריין געאטעמט אזוי אריין און ארויס און ווען ער האט געזעהן אז זיינע תלמידים וואונדערן זיך האט ער זיי געזאגט, אז די טאג איז גאר הייליג און אפילו א מענטש טוט נישט תשובה אין די טאג אליין פארגעבט אויף די עבירות וועגן דעם וויל איך שעפן די הייליגע לופט פון די טאג.

(יחזקאל הלוי וואזנער)

**ועניתם את נפשותיכם**

א געוויסע פורק עול האט זיך ארויס געריקט פון בית המדרש אינמיטן דאווענען יום כיפור ווען ער איז צוריק געקומען האט ער זיך גענומען זוכן אין זיין יום כיפור'דיגן מחזור ווי דער עולם האלט ביים דאווענען, זיין שכן א קלוגער איד, האט אים געגעבן צו פארשטיין, א שאד אייער זוכן אין די מחזור שטייט נישט קיין ברכת המזון.

(יוסף דוב סאלינסקי, משה בן ר' אהרן לאנגבערג)

**על חטא**

מ'האט אמאל באמערקט ווי אן עם הארץ קלאפט זיך על חטא מיטביידע הענט האט מען אים געפרעגט וואס ער טוט אזוי האט ער ערקלערט אז ער איז אנגעקומען שפעט און כדי זיך מיטצוכאפן מיט'ן עולם דארף מען ארבעטן מיט ביידע הענט.

(יוסף דוב סאלינסקי)

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זצוק"ל האט געזאגט פארוואס ווערט טאקע דאס עסן ערב יו"כ אנגערופן אלץ תענית?

ווייל ווען מען דערמאנט זיך וואספארא הייליגע און מורא'דיגע טאג קומט באלד אן קען מען דערמאלטס עסן? קען דען זיין א גרעסערע פיין און צער ווי צו גיין יעצט עסן?

די חז"ל זאגן אז ביי די תפילת מנחה פון ערב יו"כ דארף מען זיך אויך מתוודה זיין וואס איז דער טעם דערפון? ווייל אויב דאס עסן פון ערב יו"כ איז אזוי ווי א תענית מוז דאך ממילא אויך זיין ווידוי אז ביי תענית פון יום כיפור.

(משה וויינבערגער)

די הייליגע ראדאשיצער האט פארציילט אז עס איז געווען א דארפסמאן וואס איז געקומען יום כיפור אין בית המדרש און ער האט געזעהן אז די גאנצע בית המדרש איז פיל מיט מענטשן און זיי וויינען און זיי דאווענען און ער האט נישט געקענט ווייל זיין הויז איז געווען אנגעפאקט מיט גוטס און ס'האט אים גארנישט געפעלט, און פלוצלונג האט ער זיך דערמאנט אז אין זיין הויז איז געווען א זאפטיגע שטיקל קישקא און ער האט זיך דערמאנט אז ער האט עס פארגעסן אריינצולייגן אין די קעלער אז עס זאל זיך האלטן פריש ווייל אמאל איז נישט געווען קיין פרידזש און די קישקא גייט ווערן נישט גוט האט ער אנגעהויבן צו וויינען אויף די קישקא און ווען ער האט אנגעהויבן צו וויינען איז זיין הארץ נתעורר געווארן צו תשובה.

**בינת ישראל פרשת תצוה**

(נפתלי ענגלענדער)

איינמאל האט דער בעל אהבת ישראל מוויזניצא זי"ע געזאגט יעדער איד בעט זיך דאך עפעס אויס ביי כל נדרי, איך בעט מיר אויס אז איך זאל קענען זיין א כפרה פארן כלל ישראל.

**שיח זקנים**

איינמאל ביי די נאכט פון ערב יו"כ זענען געשטאנען די בני עליה ביי ר' אהרן קארלינער זי"ע און זיי האבן דערציילט אז ביים בעל שם טוב איז געווען איינער פון די תלמידים וואס האט געהייסן ר' יעקב מהאניפאלי זצ"ל וואס ער האט געהאט א שיינע קול, און די שטאט זאסלאך האט אים גענומען און געשטעלט אלץ בעל תפלה פאר די ימים נוראים און זיי האבן אים געגעבן 15 זהובים חוץ פון די הוצאות און ערב יו"כ זענען זיי אלע געזעצן ביי ר' יעקב און ביינאכט זענען אלע געגאנגען צו נעמען ר' יעקב'ס צום בהמ"ד, אינמיטן וועג זענען זיי דורך געגאנגען א שוהל און זיי האבן געהערט אז ער זאגט שוין ונסלח האט זיך ר' יעקב אוועקגעקערט פון זיי און געזאגט: "רבש"ע אויב די אידן וואלטן נישט געזינדיגט פון וואו וואלט ער גענומען אזא ונסלח" האט ר' אהרן קארלינער צוגעענדיגט "און מיר זאגן ווען אידן וואלטן נישט געזינדיגט פון וואו וואלסטו גענומען אזא ליכטיגע יום כיפור.

**פרי ישע אהרן**

איינמאל אינמיטן ווינטער ווען עס איז געווען זייער קאלט און פון גרויס דחקות האט הרה"ק מלובלין נישט געהאט האלץ אנצוהייצן האט ער געזאגט אז ער האט פארגעסן יו"כ צו בעטן פאר דעם.

**מאמר מרדכי סלאנים**

איינמאל יום כיפור ביינאכט און מ'האט אריינגעברענגט זיין בעט אין בהמ"ד און ער איז געגאנגען שלאפן מיט זיין קליידער צופרי איז ער אויפגעשטאנען פון זיין בעט מיט אן נעגל וואסער ווייל ער איז נישט געשלאפן א גאנצע נאכט.

**רי"ג אורות ח"א דף רכ"ג**

(נפתלי ענגלאנדער)

איינמאל האבן זיך א גרופע חסידים פון די שטאט סיגוט זיך צו באטייליגן מיט הרה"ק משינאווא ביום הקדוש און ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון שינאווא זענען זיי אריין צום ייטב לב געבן שלום ווייל ער איז געווען די אב בית דין דארט האט זיי דער ייטב לב געפרעגט וויאזוי איז געווען דארט אין שינאווא האבן זיי געענטפערט אז ביינאכט ביי כל נדרי איז די שינאווער רב אריינגעקומען צו כל נדרי און זיינע ציינער האבן געקלאפט ווי א לייב און די גאנצע קהל איז געפאלן א פחד און הרה"ק איז געזעסן אויף זיין בענקל פאר כל נדרי און ער האט געזאגט די זוהר וקם רבי שמעון וגו' וואס מ'זאגט פאר כל נדרי און אינמיטן האבן זיך אנגעהויבן א הויכע קול דאס וואס ס'שטייט אין זוהר הקדוש אית מאן דפרע בממוניה ואית מאן דפרע בנפשיה און נאכדעם האט עס זיך איבערגע'חזר'ט צוויי מאל די ווערטער "אוי געוואלד" און די גאנצע פאלק איז געשטאנען אין די עזרה און ווען זיי האבן געהערט די ווערטער האבן זיי אויסגעפלאצט אין א געוויין און ס'איז געווארן א רעש גדול אין בית המדרש עד כי כך אז די רבי האט נישט געקענט אנהייבן כל נדרי פון אזעלכע קולות פון וויינען און בכיות און יללות און די גבאי ר' אנשיל האט געמוזט ארויפגיין אויף די בימה און געבעטן אז עס זאל זיין שטיל אז די רבי זאל קענען אנהייבן כל נדרי אבער ס'האט נישט געהאלפן גארנישט. ביז די רבי בכבודו ובעצמו האט זיך געדארפט מטריח זיין צו ארויפגיין אויפן ארון הקודש און ער האט אנגעהויבן צו זאגן דברי תנחומין אז זיי זאלן שוין אנהייבן צו זיין שטיל אין די הייליגע שינאווער רב האט אזוי אנגעהויבן צו זאגן אז עס איז דא שמוץ אינעם קייסער'ס גארטן נעמט מען צוזאם די שמוץ און מ'לייגט עס אריין אינעם קייזער'ס הויף און מ'זארגט שוין אז מ'זאל עס אוועקפירן אזוי אויך מיר נעמען די עוונות חטאים ופשעים און מ'גיט דאס אהין פארן רבוש"ע און ער וועט דאס שוין אוועקפירן און נאכדעם האט זיך דער עולם אנגעהויבן צו בארוהיגן און די רבי האט געקענט אנהייבן כל נדרי און ווען די ייטב לב האט דאס געהערט פון זיינע תלמידים האט ער זיך אנגערופן מיט זיין גרויס עניוות "געטס א קוק איך ברויך נעבעך שרייען און וויינען ביז איך נעם ארויס א טרער פונעם עולם און די שינאווא'ער רב דארף ארויפגיין בארוהיגן די עולם און זאגן דברי תנחומין.

**נפלאים מעשיך דף קל"ו**

(נפתלי ענגלענדער)

# טענות ומליצות

בעד כלל ישראל לפני הקב"ה
ע"י הרה"ק ר' לוי יצחק מבארדיטשוב בעל הקדושת לוי זצוק"ל

דער בארדיטשובער האט אמאל כל נדרי ביינאכט געזאגט בזה הלשון, "רבותי חז"ל זאגן אז איינער זאגט נאך א זאך בשם דער וואס האט עס געזאגט ברענגט דאס א גאולה על כן וועל איך אויך זאגן א זאך בשם דער וואס האט עס געזאגט ויאמר ה' סלחתי כדבריך".

**תולדות קדושת לוי**

אמאל האט ר' לוי יצחק מפרש געווען די פירוש פונעם פיוט "בר"ה יכתבון" וואס ער האט געוואלט מחלק זיין צווישן די מעשים פון גוים און להבדיל די מעשים פון די אידן האט ער זיך אנגערופן "באשעפער אין ר"ה שרייבן די גוים וכדו' (בר"ה יכתבון) און אין יו"כ חתמ'ענען די גוים וכדו' (וביום צום כיפור יחתמון) כמה יעברון וכמה יבראון וויפיל גוים האבן חתונה מיט פרויען אשת איש'ן און וויפיל ממזרים ווערן געבוירן און יעצט פרעג איך דיר "מי יחיה ומי ימות" ווער ברויך צו לעבן און ווער ברויך צו שטארבן"?!

(יואל מאיר הכהן מאטיאש)

איינמאל האט ר' לוי יצחק געזאגט: רבונו של עולם עס שטייט דאך אין דיין הייליגע תורה "יתום לא תענה" מען טאר נישט לאזן א יתום מען מוז אים העלפן, הייליגער באשעפער אונז זענען דאך יתומים די בית המקדש איז חרוב געווארן איז דארף מען אונז העלפן.

(יואל זלמן שווארץ)

ר' לוי יצחק מבארדיטשוב האט אמאל געזאגט: לכאורה ווי אזוי בענטשט מען יו"כ מלך מוחל וסולח, ווי אזוי ווייסן מיר אז די אויבערשטער איז אונז מוחל? און אפשר וועט דאס זיין א ברכה לבטלה? האט ער געזאגט עס איז א משל צו א קלוג קינד וואס האט געבעטן פון זיין טאטע אן עפל און ווען ער האט געזעהן אז זיין טאטע וויל אים נישט געבן האט זיך דער קינד געקליגט און געמאכט א ברכה בשם ומלכות בורא פרי העץ און ער האט געשריגן צו זיין טאטע נו.... נו.... ממילא וואס וועט דער טאטע טוהן אז זיין זוהן זאל נישט זינדיגן וועט ער אים געבן אן עפל אזוי אויך זאגט דער בארדיטשובער רב שרייען מיר און אונז מאכן די ברכה מוחל וסולח בשם ומלכות און מיר זענען בוטח אז דער הייליגער טאטע וועט אונז נישט גורם זיין א ברכה לבטלה.

(שניאור זלמן גאלדמאן, משהברא"ם לאנגבערג)

## יה"ר שתחל שנה עם ברכותי'...בברכת שנה טובה ומתוקה

**תלמידי כתה גבוה**

נתנדב ע"י הר"ר אברהם יחיאל לעוו שליט"א
לרגל הכנסת בנו הבחור החשוב כמר מרדכי יודא ני"ו
לעול התורה והמצוות למז"ט ובשעטו"מ יה"ר שיעלה מעלה מעלה על במתי התורה והיראה, כאוות הוריו ומוריו, אכי"ר.